# פרשת אחרי-קדושים ז'-י"ג אייר תשע"ה לפ"ק

***יום ראשון פרשת אחרי-קדושים***

בשעות הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי יוסף משה מייזליש זצ"ל אב"ד ווייצען.**

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** אצל מקום המבחן של '**חבורת דרשו**', בבנין בית חינוך לבנות דחסידי וויזניץ (פרענקלין עוו.). שם נתאספו ציבור גדול של בני תורה בעלי בתים ובחורי חמד להבחן בבחינה הראשונה במסגרת 'דף היומי בהלכה' על משנה ברורה או"ח ח"א (הל' השכמת הבוקר ונטילת ידים). וגם התקיימה במקום הבחינה החודשית על שלשים דפים גמרא במסכת כתובות במסגרת דף היומי.

**רבינו שליט"א** הביע להעסקנים שיחי' את התפעלותו הגדול בהרחבת גבולי התורה וההלכה בקרב בית ישראל, אשר אלפים רבים עומדים להבחן מידי חודש בחדשו במסגרת הלזו, בכל רחבי תבל. **רבינו שליט"א** נשא במקום דברי חיזוק ועידוד לקהל הנאספים.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** בין נישט געקומען זאגן א דרשה, און אויפהאלטען די חשובע יונגעלייט וואס נעמען יעצט די בחינה, איך וויל נאר באגריסען, די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען. מען האט יעצט אנגעהויבען א פרישן מחזור אין הלכה, אשרי חלקיכם פון די אלע וואס געפונען זיך דא, וואס געבן אוועק צייט אויף לימוד התורה. נישט אלע זענען יושבי אהל, עס איז דא וואס זענען א גאנצן טאג פארנומען מיט געשעפטען, און פון דעסטוועגן דאך נעמט מען אראפ צייט צו לערנען, און איבער'חזר'ן וואס מען לערנט, און מען איז מוסיף אין גמרא און אין הלכה, עס איז נישט דא קיין שענערס פון דעם.

**מען** בעהט יעדען טאג, אז דער אייבערשטער זאל חונן דעת זיין דעם מענטש, אבינו אב הרחמן המרחם רחם עלינו, ותן בלבנו בינה להבין ולהשכיל, לשמוע ללמוד וללמד לשמור ולעשות. מען גייט מיט א הדרגה, קודם בעהט מען אויף קלענערע זאכען, און נאכדעם בעהט מען אויף העכערע ענינים. קודם בעהט מען 'ללמוד', אז דער אייבערשטער זאל געבן שכל, אז מען זאל קענען אליין לערנען. נאכדעם בעהט מען 'וללמד', אז מען זאל קענען לערנען מיט אנדערע. און נאכדעם בעהט מען 'לשמור ולעשות', אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז דער לימוד וואס מען לערנט, זאל ברענגען צו שמירת התורה והמצוות.

**ווען** מען לערנט נישט הלכה, איז דער לשמור ולעשות אויף זייער א קליינעם פארנעם. ער ווייסט די יסוד פון די הלכה, ער ווייסט אז מען דארף האלטן שבת, און ער ווייסט אז מען דארף דאווענען, אבער ער קען נישט די הלכות פון יעדן ענין בפרטיות. און עס איז זייער שווער, אז מען זאל קענען זיין אן ערליכער יוד, און האלטן די תורה. אבער אז מען זיצט און מען לערנט הלכה, ווייסט מען כאטש ווי נאכצוקוקען אן ענין. איינמאל מען לערנט עס, און מען האט עס איינגע'חזר'ט געהעריג, קומט עס צוניץ אויפן גאנצן לעבן. ווען א מענטש קען שולחן ערוך אורח חיים, דעם ערשטען חלק פון ד' חלקי שולחן ערוך, וואס עס איז נוגע אינעם טאג טעגליכען לעבן, איז זיין גאנצע עבודת ה' אנדערש.

**אפילו** עס קומט אן שווער, דארף מען וויסען, אז המקבל עליו עול תורה מעבירין ממנו עול מלכות ועול דרך ארץ (אבות ג-ה). קיינער האט נאכנישט דערלייגט פון דעם וואס מען האט אוועקגעגעבן צייט פאר תורה. אפילו עס גייט אראפ צייט אויף דעם חשבון פון די פרנסה, וואס דורך דעם קען מען נישט אוועק געבן אזויפיל צייט פאר פרנסה, דארף מען וויסען אז דער רבונו של עולם בלייבט נישט שולדיג פאר קיינעם. ווען איינער איז מקבל אויף זיך עול תורה, טוט דער אייבערשטער אראפנעמען פון אים סיי עול מלכות און סיי עול דרך ארץ. דער באשעפער קען מזמין זיין אז אין א קורצע צייט קען ער האבען, דאס וואס אן אנדערער דארף זיך פלאגען דערויף לענגער. דער באשעפער העלפט, אז עס קומט אריין א ברכה אין וואס מען האט, אז עס זאל נישט זיין קיין הוצאות דערויף.

**און** בכלל, עס הייבט אויף די שטוב, די בני בית מיט די קינדער קוקען צו, ווי אזוי דער טאטע זיצט און

לערנט, און ער נוצט אויס זיין צייט פאר תורה, דאס איז די בעסטע מוסטער וואס מען קען האבען פאר קינדער, זיך אוועקצוגעבן פאר תורה. זאל דער אייבערשטער געבן, אז איר זאלט האבען ווייטער אסאך הצלחה, און קענען מסיים זיין אסאך מסכתות, מסיים זיין די אלע מחזורים וואס מען לערנט, אין זכות פון תורה וועלן מיר זוכה זיין, אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי בשולחן ערוך (או"ח הל' בית הכנסת סימן קנ"ג סעיף י"ד). אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע שעבר.

***וזה תוכן השיחה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די פרשה פון נגעים. עס איז דא דריי ערליי סארט נגעים. נגעים וואס קומט אויף א מענטש, נגעים וואס קומט אויף א בגד, און נגעים וואס קומט אינעם הויז. אין פרשת תזריע איז אויסגערעכנט נגעי אדם, און נגעי בגדים, און אין פרשת מצורע איז אויסגערעכנט נגעי בתים. אין מדרש (ויק"ר יז-ד) שטייט, אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה. ווען דער אייבערשטער שיקט א נגע אויף א מענטש, הייבט ער נישט אן צו שיקען א נגע אויפן מענטש אליין, נאר דער אייבערשטער הייבט אן פון די זייט. ער שטראפט אים קודם אינעם בית, ער באקומט א פעלער אין זיין הויז, עס צוברעכט זיך עפעס, אדער אנדערע פראבלעמען וואס איז דא. און טאמער ער איז נישט משים לב אויפן הויז, דעמאלטס טוט אים דער אייבערשטער שטראפען אויף זיין בגד, וואס איז שוין נאנטער צו אים. און אויב ער איז נישט משים לב אויף זיין בגד, דעמאלטס קומט דער נגע אויפן מענטש אליין. אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, דער אייבערשטער רירט נישט צו קודם צום נפש, נאר ער הייבט אן קודם מיט די שוואכערע זאך, זיין פארמעגן, זיין בית, זיין בגד, און נאכדעם קומט דער אדם.

**איך** האב אמאל געזאגט, אז אין סדר נזיקין איז דא בבא קמא, און בבא מציעא, און בבא בתרא. נגעים איז דאך א נזק וואס דער אייבערשטער ברענגט פארן מענטש. 'בבא' איז די ראשי תיבות ב'ית ב'גד א'דם. עס איז דא בבא קמא, און בבא מציעא און בבא בתרא. דער אייבערשטער הייבט אן קודם מיט די ערשטע ב', דער בית. טאמער דער בית גייט נישט, דעמאלטס קומט די מציעא, די צווייטע, וואס דאס איז בגד. און אז עס העלפט ווייטער נישט, קומט די בתרא, קומט עס אויפן אדם.

**פרעגט** די **חיד"א**, פארוואס אין די תורה שטייט קודם נגעי אדם, און נאכדעם נגעי בגדים, און ערשט נאכדעם שטייט נגעי בתים. אויב דער אייבערשטער איז נישט פוגע בנפשות תחלה, וואלט געדארפט קודם שטיין די הלכות פון נגעי בתים, וואס דאס קומט פריער, און נאכדעם גייט עס ווייטער צו די בגדים, און נאכדעם צום מענטש.

**און** די פסוק (ויקרא יג-ב) זאגט, אדם כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת, די תורה רופט אים אן אדם. אדם איז די שענסטע נאמען וואס א מענטש האט, אתם קרויין אדם, ואין אומות העולם קרויין אדם (בבא מציעא קיד). אז ער באקומט א נגע, רעדט מען דאך פון א מענטש וואס האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט צו טון, וואלט געדארפט שטיין 'איש' כי יהיה בעור בשרו שאת, פארוואס רופט ער אים אן מיט א שיינעם טיטל, 'אדם' כי יהיה בעור בשרו שאת או ספחת.

**דער חיד"א** זאגט, אז אמת ווען דער אייבערשטער פירט זיך מיט מדת הרחמים, איז ער נישט פוגע בנפשות תחלה, עס איז אבער דא אסאך מאל, וואס דער אייבערשטער פירט זיך מיט מדת הדין. אזוי שטייט אין די גמרא (ברכות ז.) אז עס איז אסאך מאל דא אין הימל א צייט פון א ריתחא, וואס דעמאלטס פירט זיך דער אייבערשטער מיטן מדת הדין, און ביי מדת הדין קען זיין, אז עס גייט נישט לויטן סדר, און עס איז פוגע קודם אינעם אדם. מען זאגט נישט אין 'הקב"ה' פוגע בנפשות תחלה, נאר אין בעל 'הרחמים' פוגע בנפשות תחלה, ווען דער אייבערשטער פירט זיך מיטן מדה פון רחמים, דעמאלטס איז ער נישט פוגע בנפשות תחלה. אבער ווען עס איז נישט דא קיין מדת הרחמים, קען אמאל זיין אז דער אייבערשטער איז

פוגע גראד אינעם מענטש אליין, און זיין פארמעגן ווערט נישט געשעדיגט.

**די** גמרא (בבא קמא נ.) זאגט, אז ביי צדיקים איז דער אייבערשטער מדקדק אפילו כחוט השערה, וסביביו נשערה מאוד (תהלים נ-ג). ווען דער אייבערשטער האט באשאפען די וועלט, איז עלה במחשבה תחלה צו באשאפען די וועלט מיטן מדת הדין, ראה שאין העולם מתקיים, האט דער אייבערשטער משתף געווען מדת הרחמים. צדיקים זענען עלה במחשבה, מיט זיי טוט זיך דער אייבערשטער פירען אזוי ווי עס איז געווען די מחשבה צו באשאפען די וועלט מיט מדת הדין. קומט אויס אז ביי דעם וואס איז אין א העכערע מדריגה, וואס די העכסטע מדריגה פון א מענטש איז 'אדם', דארט קען זיין 'כי יהיה בעור בשרו שאת', דארט קען זיך עס אנהייבען מיטן מענטש אליין, ווייל וסביביו נשערה מאוד. אבער ביי פשוטע יודען, דארט גייט די סדר, אז עס הייבט זיך אן קודם מיט נגעי בית.

**איך** האב געזען נאך א שיינעם תירוץ, פארוואס די תורה האט משנה געווען. מען זאגט אין קריאת שמע, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך (דברים ו-ה), א יוד דארף ליב האבען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, ובכל נפשך, אמאל דארף א מענטש אוועקגעבן זיין נפש פארן אייבערשטען. ביי דריי עבירות איז ער מחויב אוועקצוגעבן זיין לעבן פארן באשעפער, און זיך מוסר נפש זיין. ובכל מאודך, בכל ממונך, מען דארף ליב האבען דעם אייבערשטען מיטן גאנצן געלט. אמאל איז דא וואס א מענטש דארף מוותר זיין אויף זיין פארמעגן פארן אייבערשטען. פרעגט די גמרא (ברכות סא:), אז מען זאגט שוין ובכל נפשך, אז מען דארף אוועקגעבן דעם נפש, דארף מען נאך צו זאגען אז דיין געלט דארפסטו אויך אוועקגעבן פארן אייבערשטען. זאגט די גמרא, יא, ווייל עס איז יש לך אדם שממונו חביב עליו יותר מגופו, עס איז דא מענטשען וואס געלט איז ביי זיי זייער באליבט. ער וועט ענדערש ליידען יסורים, אבער זיין געלט זאל נישט גערירט ווערן. און אפילו נאכדעם וואס מען האט אים שוין געזאגט, ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך ובכל נפשך, דארף מען נאך צוזאגען ובכל מאודך אויך, ווייל זיין געלט שטייט ביי אים העכער פון זיין נפש.

**ווען** מען זאגט אין בעל הרחמים פוגע בנפשות תחלה, נאר ער גייט קודם צום געלט, דאס איז ביי די מענטשען וואס די נפש איז ביי זיי חשובער פונעם געלט, הייבט אן דער אייבערשטער מיט די קלייניגקייט, ער הייבט אן קודם מיטן געלט, און נאכדעם גייט ער צו צום נפש. אבער בי די מענטשען וואס ממונם איז חביב עליהם יותר מגופם, איז דאך ביי אים די חשוב'סטע זאך געלט, און די נפש איז ביי אים די צווייטע זאך, און אז דער אייבערשטער וויל אים נישט שטראפען מיט די שווערע זאך, שטראפט ער אים קודם מיטן נפש בעפאר ער שטראפט אים מיטן געלט, ווייל ביי אים איז דאך ממונו חביב עליו יותר מגופו. קומט אויס, אז ביי די מענטשען הייבט זיך אן די פרשה פון נגעים מיט נגעי אדם, און נאכדעם קומט די נגעים אויף זייער פארמעגן, ווייל ביי זיי איז ממונם חביב עליהם יותר מגופם.

**'אדם'** איז די זעלבע אותיות ווי 'מאד', וואס דאס גייט ארויף אויף די פארמעגן. 'אדם', דער מענטש וואס ביי אים איז די 'מאד' חשובער ווי דער נפש, דארט הייבט דער אייבערשטער אן צו שטראפען מיטן נפש אליין. אבער ביי די מענטשען וואס איז גופם חביב עליהם יותר מממונם, טוט דער אייבערשטער נישט צורירן צום נפש, נאר דער אייבערשטער שטראפט קודם מיט א קלייניגקייט, און אז מען טוט נישט תשובה דעמאלטס מוז קומען אויף אים א גרעסערער עונש. ווייל דאס איז דער בעל הרחמים, אז דער אייבערשטער טוט נישט שטראפען דעם מענטש תיכף מיט א שווערע זאך, נאר ער פראבירט קודם מיט א קלייניגקייט, און דער מענטש דארף האבען שכל, און משים לב זיין, אז אויב עס פאסירט עפעס א קלייניגקייט ביי אים, זאל ער זיך שוין תיכף צוריקקערן צום אייבערשטען, אז ער זאל נישט דארפען ברענגען אויף אים שפעטער א שווערערע זאך.

*

אחר השיעור השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרה"ג **לוי יצחק לייפער** שליט"א (וומסב"ג, בן אב"ד

טעמעשוואר שליט"א ב"פ, וחתן אב"ד נאנאש שליט"א) שהתקיים באולם ראוז גארדען.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הדינער למוסד 'רופא חולים', שהתקיים באולם עטרת אברהם.

*

***יום שני פרשת אחרי-קדושים***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יואל גריפעל** הי"ו (ב"פ), שהתקיים בבית המדרש באבוב 45. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים אצל סעודת הברית, שהתקיימה ביחד עם סעודת הברית לנכד **הגה"צ אב"ד באבוב 45 שליט"א**. **רבינו שליט"א** איחל מברכותיו **לכ"ק האדמו"ר מבאבוב 45 שליט"א**, ולהסבים הרבנים הגאונים הצדיקים שליט"א ולכל בעלי השמחה.

אחר הברית הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הרבנית מטארטיקוב ע"ה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה למסור שיעורו היומי.

בשעות הערב הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת לאקס ע"ה (אלמנת הר"ר צבי לאקס ע"ה).

*

***יום רביעי פרשת אחרי-קדושים***

אחר תפלת שחרית נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **משה יצחק טירנויער** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש גארליץ. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל הברית של בן **הרה"ג רבי משה דוד הורוויץ שליט"א** (רב דביהמ"ד ברך משה, ר"מ בישיבתנו הק') שהתקיים באולם אפריון שע"י בית המדרש ברך משה דסאטמאר. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות.

אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים יחד עם **כ"ק האדמו"ר מווערדאן שליט"א** שנתכבד בסנדקאות. **רבינו שליט"א** איחל לחיים **להאדמו"ר מווערדאן שליט"א** ובירכו בברכת אריכת ימים ושנים בבריאות השלימות, והאציל מברכותיו לכל בעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה למסור שיעורו היומי.

*

***יום חמישי פרשת אחרי-קדושים***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה קטנה למסור שיעורו היומי, אחר מנחה מסר שיעורו השבועי באור החיים הק'.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק למסור שיעורו השבועי באור החיים הק' בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*

***שבת קודש פרשת אחרי-קדושים***

בדרשת פרקי אבות ייחד **רבינו שליט"א** את תוכן דבריו בדברי אגדה ודרוש על הילולת **התנא האלוקי רבי שמעון בן יוחאי זיע"א**, וקדושת התורה שהנחיל לדורות עולם, וכמאמרו (שבת קלח:) ח"ו שתשתכח תורה מישראל, ולכך אמרו צדיקים שרבי שמעון בן יוחאי לכל אף לפחותים, שהרי כל תורתינו הוא בזכותו הקדוש, שהוא גילה אור התורה אף בעת הגלות, בזמן שעתידה תורה שתשתכח מישראל, ויה"ר שימליץ טוב בעדינו במרומים, להתברך בשפע בני חיי ומזוני רויחי עד עולם.